בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# אַ גַאנְצֶע אֶמוּנָה

ווִי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אַז וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ אַ "גַאנְצֶע אֶמוּנָה": וֶועט זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת, עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

פַּרְשַׁת חֻקַת תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אַ גַאנְצֶע אֶמוּנָה

## א.

**זֹאת ׳חֻקַּת׳ הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ד׳ לֵאמֹר** (בַּמִּדְבָּר יט, א). זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ״י: **לְפִי שֶׁהַשָּׂטָן וְאוּמוֹת הָעוֹלָם מוֹנִין אֶת יִשְׂרָאֵל וְכוּ׳**, וַוייל דִי שָׂטָן און אַלֶע פֶּעלְקֶער טְשֶׁעפֶּענֶען דִי אִידְן און פְרֶעגְן: וָואס אִיז דִי מִצְוָה, און וָואסְפַארַא טַעַם אִיז דָא דֶערוֹיף?! דֶערְפַאר הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעשְׁרִיבְּן בַּיי דֶעם דִי לָשׁוֹן ״חֻקָּה״, צוּ וַוייזְן אַז דָאס אִיז אַ גְזֵירָה, און דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין רֶעכְט אִיבֶּער צוּטְרַאכְטְן דֶערוֹיף.

דָאס הֵייסְט, דִי גַאנְצֶע עִנְיָן פוּן 'פָּרָה אֲדוּמָה', אִיז אַ מִצְוָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוָוארְן טָמֵא פוּן אַ מֵת, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה, אוּן מֶען נֶעמְט דִי 'אֵפֶר הַפָּרָה' אוּן מֶען שְׁפְּרִיצְט אוֹיף אִים, וֶוערְט עֶר 'טָהוֹר', אוּן וַוייטֶער פַארְקֶערְט דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט טָהוֹר, וֶוערְט 'טָמֵא', דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל אוֹיבּ אִיז דֶער אֵפֶר הַפָּרָה מְטַהֵר, דַארְף עֶס יֶעדְן מְטַהֵר זַיין?! נָאר דָאס אִיז דֶער 'חָק' וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף הַיינְט אוֹיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז 'מְקַרֵב רְחוֹקִים', וָואס מֶען זֶעהְט בַּיי דֶעם אַ מוֹרָא'דִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ: דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט אוּן אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן שְׁמוּצִיג פוּן זַיינֶע גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אוּן דֶער צַדִיק אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען בִּיז צוּ זַיין פְּלַאץ, אִים אָפְּגֶעבָּאדְן אוּן אָפְּגֶערֵיינִיגְט, אוּן גֶעגָאסְן אוֹיף אִים אַלֶע גוּטֶע שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים אוּן

גֶערוֹיכְן, בִּיז עֶר הָאט אִים אָנְגֶעטוּהְן מִיט שֵׁיינֶע מַלְבּוּשִׁים [דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן מוֹרָא׳דִיגֶע כּוֹחוֹת אִין אַ בָּחוּר אָדֶער אַ יוּנְגֶערְמַאן בִּיז מֶען נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן זַיין שְׁמוּץ, און מֶען קְלֶעבְּט אִים צוּ, צוּ דִי תּוֹרָה און צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ׳], אָבֶּער עֶס נֶעמְט נִישְׁט קַיין לַאנְגֶע צַייט, און עֶר גִיסְט אַרוֹיף דִי גַאנְצֶע שְׁמוּץ אוֹיף דֶעם עֶרְלִיכֶען אִיד וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אִים און אִים גֶערֵיינִיגְט, און עֶר רֶעדְט אוֹיף אִים כָּל דָּבָר אָסוּר, אַז עֶר אִיז אַ ׳קַל׳ וְכוּ׳, אַלֶע זַיינֶע שְׁמוּץ זֶעהְט עֶר אִין דֶעם צַדִיק רַחְמָנָא לִצְלָן, דָאס אִיז אַ ׳חָק׳ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין, און פַארְוָואס עֶס דַארְף אַזוֹי זַיין, וַוייל דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט דָאךְ דִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַז דוּ זָאלְסְט עֶפֶּענֶען דֶעם חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג, דִי מִשְׁנַיוֹת, דִי גְמָרָא וְכוּ׳, און אוֹיף אִים רֶעדְסְטוּ יֶעצְט, דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער ווּאוּנְדֶער.

אֵיין כְּלַל דַארְף מֶען אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג וִויסְן: ״וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן אִיד, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אוֹיף דֶעם

ערְלִיכְן אִיד וָואס הָאט אִים אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן בְּלָאטֶע, דֶער אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער ׳פָּגוּם בַּבְּרִית׳ אָן קַיין שׁוּם סָפֵק״.

ב.

אוֹיףְ גֵייט אַרוֹיף דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן ׳פָּרָה אֲדוּמָה׳, וָואס עֶס רֵיינִיגְט אַלֶע טָמֵא׳נֶע מֶענְטְשְׁן, אוֹיף דֶעם וָואס צַדִיקִים הָאבְּן אַ כֹּחַ, אוּן מוֹרָא׳דִיגֶע אֱמֶת׳ע עֵצוֹת צוּ רֵיינִיגְן אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעבֶּעךְ טָמֵא, אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו רַחְמָנָא לִצְלָן, צוּלִיבּ דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס מֶען גֵייט הַיינְט דוּרְךְ, וַוייל מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען דֶעם גַאנְצְן יוּגֶענְט, אַז מֶען זָאל זִיךְ אַרַיין לֵייגְן אִין דֶעם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס פְרִיעֶר, שְׁפֶּעטְסְטֶענְס בַּיי דִי זִיבֶּעצְן יָאר, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט קְלָאר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן א, סְעִיף ג): עֶס אִיז אַ מִצְוָה יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן בַּיי דִי אַכְצְן יָאר. שְׁטֵייט גְלַייךְ אוֹיף דֶעם אִין בֵּית שְׁמוּאֵל (שָׁם): דָאס מֵיינְט בַּיי דִי זִיבֶּעצְן יָאר, פוּן וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין אַרַיין אִין דִי אַכְצֶענְטֶע יָאר. פִירְט דֶער הֵיילִיגֶער מְחַבֵּר וַוייטֶער אוֹיס

(שָׁם): וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה פוּן דִי דְרַייצְן יָאר אִיז עֶר מְקַיֵים 'מִצְוָה מִן הַמּוּבְחָר'. קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דִי זִיבֶּעצְן יָאר טָאר מֶען שׁוֹין זִיכֶער נִישְׁט לָאזְן וַוארְטְן אוּן יֶערְן דִי בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ חַס וְשָׁלוֹם.

חֲזַ"ל בְּרֶענְגְן (קִדּוּשִׁין כט ע"ב): **רַב חִסְדָא** הָאט גֶעזָאגְט: דָאס וָואס אִיךְ בִּין מֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר, אוּן וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי פֶערְצְן יָאר, וָואלְט אִיךְ זִיךְ אָפֶּען גֶערֵייצְט מִיטְן שָׂטָן אוּן נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים.

אוּן אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ טַאקֶע גֶעפִירְט פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס הֵייסְט 'פְּגַם הַבְּרִית', אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט הַאלְטְן בַּיי אִידִישְׁקֵייט, מְמֵילָא אַז מֶען זָאל יֶעצְט אוֹיךְ נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי נְקוּדָה, וֶועט מֶען נִישְׁט קוּמֶען אַז בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן אַוֶועק גֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג חָלִילָה. וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דֶער יְסוֹד, אוּן אוֹיבּ חָלִילָה דִי

יְסוֹד אִיז קַאלְיֶע, אִיז דִי גַאנְצֶער בִּנְיָן קַאלְיֶע, אוּן דִי יְסוֹד אִיז ׳קְדוּשַׁת הַבְּרִית׳.

מֶען הֶערְט לֶעצְטֶענְס מַעֲשִׂיוֹת אִין פַארְשִׁידֶענֶע צוּרִיק-גֶעשְׁטַאנֶענֶע לֶענְדֶער (אִינְדִיעֶ, פַּאקִיסְטַאן), אַז אַ בִּילְדִינְג פוּן צְוָואנְצִיג שְׁטָאקְן אָדֶער מֶער, וואו עֶס וואוֹינֶען דָארְט אַפָּאר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, פַאלְט פְּלוּצְלִינְג אַיין, אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן גֶע׳הַרְגֶ׳עט אוֹיף אֵיינְמָאל, וַוייל מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אוּן גֶעבּוֹיעֶט אָן אַ גוּטְן פוּנְדַאמֶענְט. אָבֶער אוֹיב דֶער יְסוֹד אִיז גוּט אוּן שְׁטַארְק, קֶען מֶען נָאכְדֶעם אַרוֹיפְבּוֹיעֶן אַ רִיזִיגְן בִּנְיָן, אוּן וִוי שְׁטֶערְקֶער דֶער יְסוֹד אִיז אַלְץ אַ הֶעכֶערְן בִּילְדוּנְג קֶען מֶען אַרוֹיפְבּוֹיעֶן.

וֶועגְן דֶעם אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן גֶעוֶוען דֶער עִיקָר מֶען זָאל פַארֶערְכְטְן דֶעם ׳בְּרִית׳, וָואס דָאס אִיז דֶער ׳יְסוֹד׳ פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן צב): אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי גַאנְצֶע ׳גְאוּלָה׳, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ קוּמֶען אוּן פַארֶערְכְטְן.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיפְן יְסוֹד, אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן חֲתוּנָה מַאכְן בָּחוּרִים אִין מֵיידְלֶעךְ וָואס פְּרִיעֶר, אָבֶּער דָאס אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגְן אִין דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, דֶערְפַאר אִיז דִי 'אֵפֶר הַפָּרָה' וָואס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען זָאל אוֹיף דֶעם זָאגְן אַז עֶס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן אוּן טוּמְאָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וַוייטֶער וָואס עֶס אִיז בֶּאֱמֶת נַארִישְׁקֵייטְן אוּן טוּמְאָה, זָאל מֶען זָאגְן אַז עֶס אִיז טָהֳרָה, דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער וואוּנְדֶער אוּן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין.

ג.

דִי מְפָרְשִׁים זָאגְן פַארְוָואס זָאגְט דִי תּוֹרָה: **זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה** - דָאס אִיז דִי גֶעזֶעצְן פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: **זֹאת חֻקַּת הַפָּרָה**, וַוייל דָא רֶעדְט עֶר דָאךְ נָאר פוּן דִי גֶעזֶעץ פוּן פָּרָה אֲדוּמָה?! נָאר וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אַ 'חָק'; וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן קַיין טַעֲמִים אוֹיף דִי מִצְוֹות, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט

גֶעקְרִיגְט אוֹיף גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט ׳טַעֲמֵי הַמִּצְוֹת׳, וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן טַעֲמִים אוֹיף דִי מִצְוֹת, יֶעדֶע מִצְוָה טוּט מֶען פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן טוּהְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תיא); אַוַודַאי קֶען מֶען זָאגְן אַ ׳רֶמֶז׳, אַז דִי מִצְוָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם וְכוּ׳, אָבֶּער נִישְׁט קַיין טַעַם, וַוייל אוֹיב קוּקְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער טַעַם פוּן דִי מִצְוָה וֶועט עֶר נָאכְדֶעם אוֹיפְהֶערְן טוּהְן דִי מִצְוָה, אוּן אַוַודַאי וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט טוּהְן מִיט אַ חֵשֶׁק, לְמָשָׁל דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית וָואס דָאס הָאט אַ כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן נִיאוּף, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט (מְנָחוֹת מד ע״א): אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט טוּהְן אַן עֲבֵירָה, אוּן זַיינֶע צִיצִית הָאבְּן אִים גֶעפַּאטְשְׁט אִין פָּנִים אַרַיין, אַזוֹי אַרוּם אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ז): צִיצִית רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן נִיאוּף. וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: אִיךְ גֵיי דָאךְ מִיט צִיצִית, אוּן אִיךְ לִיג נֶעבֶּעךְ אִין אַלֶע שְׁמוּץ פוּן נִיאוּף רַחְמָנָא לִצְלָן?!

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען וויסְן אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ מִצְוָה אִיז צוּ טוּהְן דִי רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן 'תַּרְיַ"ג רְצוֹנוֹת', צְוֵויי הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן פֶערְצִיג [רַמַ"ח] מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מֶען זָאל טוּהְן, אוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט פוּנֶעף אוּן זֶעכְצִיג [שְׁסָ"ה] מִצְוֹת וָואס מֶען זָאל נִישְׁט טוּהְן, אוּן דָאס טוּט מֶען נָאר וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, אָן וויסְן דֶעם טַעַם, וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט: זֹאת חֻקַּת 'הַתּוֹרָה', וַוייל דִי 'גַאנְצֶע' תּוֹרָה אִיז אַ חָק, "אַ אִיד אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוֹת נָאר וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן", וֶועגְן דֶעם טוּט עֶר דָאס טַאקֶע מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (הִלְכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם הֲלָכָה ד, ד): דִי אַלֶע מְחַקְרִים אוּן כּוֹפְרִים וָואס זֵיי גֶעבְּן זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע טַעֲמִים אוֹיף דִי מִצְוֹת, זֶענֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, פַארְוָואס זָאל עֶר יָא זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיבּ עֶר טוּט נִישְׁט דִי מִצְוָה וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס רָצוֹן, וָואס אִיז נִישְׁט פַאְרהַאן אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה פוּן דֶעם, צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין דָא אוֹיף דֶעם נִידְרִיגְן וֶועלְט צוּ טוּהְן אַ מִצְוָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִכְלָל וֶוען דוּרְכְדֶעם אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בַּאקוּמֶען דֶערְפַאר אַן אֵייבִּיגֶע לֶעבְּן וְכוּ׳, וָואס רוֹב מִצְווֹת אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אוּן אַנְגֶענֶעם צוּ טוּהְן, אָבֶער דִי אַלֶע חוֹקְרִים אוּן חֲכָמִים וָואס גֶעבְּן אָן זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע טַעֲמִים אוֹיף דִי מִצְוֹת וְכוּ׳, קֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דִי מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה וָואס אַ אִיד הָאט וֶוען עֶר אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה, דָאס בַּאדֶערְט זֵיי דִי מֶערְסְטֶע: דִי שִׂמְחָה אוּן דִי פְרֵיידְט מִיט וָואס אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה וְכוּ׳; וַוייל וֶוען אַ מֶלֶךְ גֶעט אַרוֹיס אַ בַּאפֶעל אוּן אַ גְזֵירָה: מֶען זָאל טוּהְן דָאס אוּן דָאס, אַז נִישְׁט וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען אַ עוֹנֶשׁ. הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט גֶעזֶעהְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶר טוּט דֶעם קֶענִיגְס בַּאפֶעל, נָאר עֶר טוּט דָאס וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא אַז נִישְׁט וֶועט מֶען אִים אַיינְזֶעצְן, וֶועגְן דֶעם וֶוען קֵיינֶער זֶעהְט נִישְׁט פַארְלֶעצְט עֶר דֶעם גֶעזֶעץ.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל מְלַמֵד זְכוּת גֶעוֶוען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! גֶעבּ אַ קוּק, דִי 'מְלוּכָה' [גָאוֶוערְמֶענְט] הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטְרֶענְגְן בַּאפֶעל: מֶען טָאר נִישְׁט הַאנְדְלֶען מִיט טַאבִּיק [אַזוֹי וִוי הַיינְט דְרָאגְס], אוּן זֵיי הָאבְּן אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט פָּאלִיצֵיי זֵיי זָאלְן הִיטְן דֶערוֹיף אוּן דָאס שְׁטְרֶענְג פָּארְסִירְן מִיט דִי הַארְבְּסְטֶע שְׁטְרָאף, דָאךְ אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן וֶועט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן וִוי אַזוֹי דִי פָּאלִיצֵיי אַלֵיין הַאנְדְלְן מִיט דֶעם בַּיי אַלֶע וִוינְקְלְן, [זֵיי נֶעמֶען דָאס צוּ פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען הָאט גֶעכַאפְּט דֶערְמִיט אוּן מֶען זֶעצְט זֵיי אַיין, דֶערְנָאךְ צוּטֵיילְן זִיךְ דִי פָּאלִיצֵיי צְוִוישְׁן זִיךְ אַלֵיין אוּן פַארְקוֹיפְן דָאס].

אָבֶּער אַז דוּ בַּאשֶׁעפֶער הָאסְט אוּנְז בַּאפוֹילְן אִין דִי תּוֹרָה וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז שׁוֹין גֶעגֶעבְּן פַאר דְרֵיי אוּן אַ הַאלְבּ טוֹיזֶענְט יָאר, אוּן דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יג, ו–ז): שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצֹּת וְגוֹ', עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ קַיין חָמֵץ. גֵייט אִין אַ יֶעדֶע אִידִישֶׁע

שְׁטוּב זוּכְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דָארְט אֲפִילוּ אַ בְּרֶעקְל חָמֵץ! זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אִין דִי מִצְוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אִיז דָא אַ הֶעכֶערְן עִנְיָן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין אוּן פַארְשְׁטֵיין.

אוּן מִיט יֶעדֶע 'מִצְוֹת עֲשֵׂה' וָואס אַ אִיד טוּט, אַזוֹי אוֹיךְ מִיט יֶעדֶע 'לַאו' וָואס עֶר טוּט נִישְׁט, צִינְד זִיךְ אָן אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע לֶעכְטִיגְקֵייט אוּן גְלוּסְטֶענִישׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר שְׁפִּירְט דֶעם 'אוֹר אֵין סוֹף'. נָאר פַארְוָואס שְׁפִּירְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ דִי לֶעכְטִיגְקֵייט? וַוייל עֶר טוּט נִישְׁט דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיפְן רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז יָא מְקַיֵים דִי מִצְוֹת, טוּט עֶר דָאס נִישְׁט מִיט אַ שִׂמְחָה, וַוייל אַז אַ אִיד זָאל בֶּאֱמֶת טוּהְן אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, וָואלְט עֶר אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן אוֹיף זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע לֶעכְטִיקֵייט, אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין סֵפֶר חֲרֵדִים, בְּהַקְדָמָה): אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מַיין מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְךְ 'שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת', אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ מִצְוָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אַז דִי

שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאל גֶעוואוּנֶען אַלֶע גֶעלְטֶער אִין דֶער וֶועלְט, קוּמְט נִישְׁט צוּ, צוּ דִי שִׂמְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט וֶוען אִיךְ הָאבּ מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַ מִצְוָה.

דֶערְפַאר אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה אוּן מִיר הָאבְּן אַזוֹיפִיל מִצְוֹת יֶעדְן טָאג, וַוייל יֶעדֶער אִיד אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט מִצְוֹת בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי סוֹף מַסֶכֶת בְּרָכוֹת): עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין אִיד וָואס הָאט נִישְׁט הוּנְדֶערְט מִצְוֹת יֶעדְן טָאג, וַוייל עֶר הָאט דִי אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג. נָאר מִיר דַארְפְן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס מֶען מַאכְט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען פַארְמָאגְט.

חַזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת מג ע"ב): וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִלִין אוֹיף זַיין קָאפּ אוּן אוֹיף זַיין הַאנְט, אוּן גֵייט מִיט צִיצִית, הָאט עֶר אַ חַזָקָה אַז עֶר וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן. אוֹיבּ אַזוֹי וִוי קֶען טַאקֶע זַיין אַז אֵיינֶער הָאט אָנְגֶעטוּהְן תְּפִילִין הַיינְט, אוּן עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, דָאךְ פַאלְט עֶר לַיידֶער דוּרְךְ אוּן עֶר זִינְדִיגְט?!

נָאר דָאס קוּמְט וַוייל אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מִצְוֹת, וֶוען עֶר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן וָואלְט עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, "וַוייל 'שִׂמְחָה' הַאלְט צוּרִיק פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת", אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נָאר וֶוען עֶר פַאלְט אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, עַצְבוּת, יֵאוּשׁ. עֶר טְרַאכְט: אִיךְ בִּין שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אוּן פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין סַיי וִוי גָארְנִישְׁט זַיין. דֶעמָאלְטְס פַאלְט עֶר דוּרְךְ, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגְן: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים" – אִיךְ גֵיי מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן אִיךְ טְשֶׁעפֶּע עֶס נִישְׁט, וָואס מִיט דֶעם אַלֵיין דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן וַוייל אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, גִּילּוּחַ הֲלָכָה ג), וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זִינְדִיגְן.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר אִיז דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מִצְוָה, דִי שִׂמְחָה אַז אִיךְ טוּה דִי רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז אַ 'חָק' אָן אַ טַעַם, אוּן מֶען קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן דֶעם טַעַם, וַוייל אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיטְן שֵׂכֶל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, דֶעמָאלְס וֶוען עֶס בְּרֶענְט אִים דִי הַארְץ צוּם

בַּאשֶׁעפֶער און עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִין דִי מִצְוֹת, וֶועט עֶר טַאקֶע דָאס טוּהְן, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוען עֶר פַּאלְט אַרָאפּ דֶערְפוּן, און עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, און עֶס קוּמְט שׁוֹין אַרַיין קֻשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט עֶר אַלֶעס אָפְּלָאזְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

וֶועגְן דֶעם דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, און וֶוען וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט שׁוֹין דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה, [וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ בֶּאֱמֶת אֱמוּנָה, נָאר וֶוען וֵוייסְט מֶען] אַז דִי אֱמוּנָה אִיז שׁוֹין בַּיי אִים גַאנְץ?! אַז עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז דָאס גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ און דִי הוֹיפְּט שְׁלִיסְל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּין: 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צו): אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אִיר זָאלְט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ הָאבְּן אַגַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶעה אַז אִיר קֶענְט דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז כָאטְשׁ אַ שָׁעָה זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

דֶערְמַאנְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת כא ע"א): **וּלְוַאי שֶׁיִּתְפַּלֵּל אָדָם כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ** – הַלְוַואי וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג.

כְּדֵי דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי אִיז בִּכְלַל מֶעגְלִיךְ דָאס צוּ בַּאוַוייזְן?! מֶען דַארְף דָאךְ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דָאךְ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, מֶען הָאט דָאךְ אַ וַוייבּ וָואס מֶען דַארְף אַרוֹיסְהֶעלְפְן וְכוּ', וֶוער זָאגְט נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּ בְּרֶענְגְן פַּרְנָסָה, נָאכְדֶעם דַארְף דָאךְ אַ אִיד לֶערְנֶען אוֹיךְ: מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא וְכוּ', אוֹיבּ אַזוֹי וִוי קֶען עֶר הָאבְּן אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת?!

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אִין אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגְן אַזוֹי אָפֶּען גֶעטְלִיכְקֵייט, מֶען זָאל אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז וִוי נָאר מֶען מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן צוּפְרִי, אוּן מֶען זָאגְט: **מוֹדֶה אֲנִי** וְכוּ', זָאל מֶען גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** אִיךְ דַאנְק דִיךְ אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ אַז דוּ הָאסְט מִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה, אִיךְ בֶּעט דִיר בַּאשֶׁעפֶער! הִיט

מִיר אָפּ דִי הַיינְטִיגֶע טָאג פוּן אַלֶע 'מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים', עֶס זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָנְטְשֶׁעפֶּענֶען אִין מִיר קַיין שׁוּם קְרֶענְק בְּגַשְׁמִיוּת, אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיוּת זָאל אִיךְ נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת. נָאכְדֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיס אוּן מֶען וַואשְׁט זִיךְ אָפּ, אוּן מֶען רֶעדְט וַוייטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען 'בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה', אוּן מֶען לֶערְנְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוּן מֶען רֶעדְט ווִידֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי רֶעדְט מֶען שְׁטֶענְדִיג צוּם בַּאשֶׁעפֶער: פַאר דֶעם, אִינְמִיטְן, אוּן נָאכְדֶעם, אוּן אַזוֹי טוּט מֶען אַ גַאנְצְן טָאג, וֶוען מֶען גֵייט אִין מִקְוָה רֶעדְט מֶען אוֹיפְן וֶועג צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוָה אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר 'טְבִילַת הַמִּקְוָה'.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אִיז מִיר גֶעלוּנְגֶען עֶטְלִיכֶע מָאל צוּצוּזֶעהְן ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער סְקָאלְיֶער רֶבִּי זֵכֶר צַדִיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוָה, עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט דִי קַאפְּל בִּיז עֶר אִיז אַרַיין אִין וַואסֶער, אוּן וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט דִי קַאפְּל אוֹיף זִיךְ הָאט עֶר

אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן: אָשַׁמְנוּ, בָּגַדְנוּ, גָּזַלְנוּ, וְכוּ׳ אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי גַאנְצֶע וִוידוּי, אוּן זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טוֹבֵל, אוּן צוּרִיק אָנְגֶעטוּהְן דֶעם קַאפְּל אוּן גֶעזָאגְט וַוייטֶער דֶעם ׳יְהִי רָצוֹן׳ (וָואס מֶען זָאגְט בַּיי דִי נוּסַח פוּן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּנֶעם אֲרִיזַ״ל): אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ עוֹבֵר גֶעוֶוען אַן עֲבֵירָה וָואס קוּמְט מִיר סְקִילָה, אוּן עֶר נֶעמְט זִיךְ שְׁרֵייעֶן: סְקִילָה! סְקִילָה! סְקִילָה! זָאל גֶערֶעכְנְט וֶוערְן וִוי אִיךְ וָואלְט פַארְשְׁטֵיינֶערְט גֶעוָוארְן וְכוּ׳. אוּן גֶעט זִיךְ אַ טוֹבֵל, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַלֶע פִיר יְהִי רָצוֹן׳ס קֶעגְן סְקִילָה שְׂרֵיפָה הֶרֶג חֶנֶק; וַוייל מִקְוָה אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵלְ׳ט זִיךְ זַיין גוּף דָא אוּנְטְן אִין מִקְוָה, טוֹבֵלְ׳ט זִיךְ דֶעמָאלְטְס אוֹיךְ זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן, וֶועגְן דֶעם אִין מִקְוָה וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט קֶען מֶען בֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת וְכוּ׳.

נָאכְדֶעם וֶוען מֶען גֵייט אִין שׁוּהְל רֶעדְט מֶען וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס, אַזוֹי אַרוּם קוּמְט אוֹיס אַז אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אִינְמִיטְן דַאוֶוענְט מֶען שַׁחְרִית, אִינְמִיטְן

דַאוֶוענְט מֶען מִנְחָה, אִינְמִיטְן דַאוֶוענְט מֶען מַעֲרִיב, אִינְמִיטְן לֶערְנְט מֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא. אָבֶּער אַזוֹי הַאלְט מֶען אִין אֵיין רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אַז מֶען דַארְף עֶסְן רֶעדְט מֶען וַוייטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (מִקֵּץ קצ״ט ע״ב): אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין גְרֵייט דִי עֶסְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען נָאךְ נִישְׁט עֶסְן, מֶען דַארְף קוֹדֶם בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער צוּ עֶסְן, הֶערְשְׁט דֶערְנָאךְ קֶען מֶען עֶסְן. נָאכְן עֶסְן דַאנְקְט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דִי מִינוּט וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגְעֶפֶענְט דִי אוֹיגְן אוּן גֶעזָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, בִּיז מֶען הָאט צוּגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן בַּיינַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: **בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי** - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ קֶער צוּרִיק מַיין נְשָׁמָה צוּ דִיר - הָאט מֶען כְּסֵדֶר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט אִין אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגְן, אוּן דָאס הֵייסְט 'שְׁלֵימוּת אֱמוּנָה' - "אַ גַאנְצֶע אֱמוּנָה", 'אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט אָפְּטֵיילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ מוּז זִיךְ מִיט אִים דוּרְךְ רֶעדְן יֶעדֶע זַאךְ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן נה): וָואס טוּט מֶען הַיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵפֶר הַפָּרָה?! הָאבְּן מִיר ׳תְּפִלָּה׳ וָואס דָאס אִיז ׳אֵפֶר הַפָּרָה׳, אַזוֹי וְוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג): **וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ**; אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אָן חָכְמוֹת, אִיז דָאס מְטַהֵר אַזוֹי וְוי דִי אֵפֶר הַפָּרָה.

אָבֶער דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן אִין אַ מֶענְטְשׁ, וַוייל עֶר זֶעהְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ה, אוֹת כט): תְּפִלָּה אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז זֵייעֶר פַארְהוֹילְן אוּן פַארְדֶעקְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מִתְפַּלֵל אוּן בֶּעהְט עֶפֶּעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט דִי תְּפִלָּה אַרוֹיף, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ זֶעהְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, עֶר בֶּעהְט נָאךְ אַ תְּפִלָּה עֶר זֶעהְט נָאךְ אַלְץ גָארְנִישְׁט, עֶר זֶעהְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהְן מִיט דִי תְּפִלָּה, דֶערְפַאר לָאזְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן אָפּ פוּן תְּפִלָּה, אוּן מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצוּ, אָבֶער תּוֹרָה ווִידֶערְאוּם, אַז אַ מֶענְטְשׁ

הָאט גֶעלֶערְנְט אַ פָּאר פְּסוּקִים חוּמָש, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, מַאֲמָרֵי חֲזַ״ל וְכוּ׳, זֶעהְט עֶר דָאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט און אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען עֶפֶּעס, מְמֵילָא הָאט מֶען מֶער חֵשֶׁק דֶערְצוּ.

אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז יֶעדֶע תְּפִלָּה וָואס אַ אִיד בֶּעהְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט אוֹיס, און וָואס מֶער עֶר בֶּעהְט, אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און אַלְץ מֶער קְלֶעבְּט עֶר זִיךְ צוּ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, טוּט עֶר אָפּ פוּן זִיךְ אַלֶע לְבוּשִׁים, אַז עֶר הָאט זִיךְ נָאכְדֶעם אַזוֹי לִיבּ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶר זֶעהְט שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן לג), וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דָאס בֶּעהְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִין דִי תְּפִלָּה: **וְתִקְבַּע אֱמוּנָתְךָ בְּלִבֵּנוּ תָּמִיד בְּלִי הֶפְסֵק וְכוּ׳**, - בַּאשֶׁעפֶער! זֶעץ אַרַיין דַיין אֱמוּנָה אִין אוּנְזֶער הַארְץ שְׁטֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, און דַיין אֱמוּנָה זָאל זַיין אַזוֹי צוּגֶעקְנִיפְּט אִין אוּנְזֶער הַארְץ, אַזוֹי וִוי אַ גְרוֹיסְן

נָאגְל וָואס אִיז אַרַיינְגֶעהַאקְט גוּט אִין דֶער עֶרְד אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט רִירְן, און עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם צְוִוישְׁן-שֵׁייד צְווִישְׁן אוּנְז מִיט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער און צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע תַּכְלִית פַּארְוָואס מִיר זֶענֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט: אַנֶערְקֶענֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

און וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה אוֹיף אַזַא אוֹפָן, צוּ טוּהְן דִי רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען, און עֶס אִינְטֶערְסִירְט אִים נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר און וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער, נָאר עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אַז יֶעצְט טוּט עֶר אַ מִצְוָה, קֶען אִים שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט אַרָאפּ וַוארְפְן און צוּבְּרֶעכְן, וַוייל עֶר אִיז אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין צִיצִית, בָּארְד און פֵּיאוֹת, אַז עֶר אִיז גֶע'מַלֶ'ט (עַיֵּין מְנָחוֹת מג ע״ב), און אַזוֹי אִיז יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער אִיד פוּל מִיט מִצְוֹת (סַנְהֶדְרִין לז ע״א), חַזַ״ל זָאגְן (חוּלִין ה ע״א): וֶוער עֶס לֵייקֶענְט אִין עֲבוֹדָה זָרָה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. מִיט דֶעם אַלֵיין קֶען זִיךְ אַ אִיד מוֹרָא'דִיג מְחַיֶּה זַיין, קוּמְט דֶער

סַמֶ"ךְ מֶ"ם און צוּבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ און זָאגְט אִים: אָבֶּער דוּ בִּיזְט בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְט. און אַזוֹי צוּבְּרֶעכְט עֶר אִים בִּיז עֶר רֶעדְט אִים אַיין אַז "הַיינְט אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין נִסִים, הַיינְט אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער הֶסְתֵּר פָּנִים", אִין דֶער צַייט וָואס דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַמָאל אִיז הַיינְט אוֹיךְ דָא.

עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן טְרִיסְקֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (מְחַבֵּר סֵפֶר מָגֵן אַבְרָהָם עַל הַתּוֹרָה), אַ טַייטְשׁ אוֹיפְן פָּסוּק (מַלְאָכִי ג, ו): **כִּי אֲנִי ה' לֹא שָׁנִיתִי, וְאַתֶּם בֵּית יַעֲקֹב לֹא כְלִיתֶם.** דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט: '**אֲנִי ה' לֹא שָׁנִיתִי**' - אִיךְ בִּין דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וִוי אַמָאל, עֶס הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוֹישְׁט, און עֶס אִיז הַיינְט אוֹיךְ דָא אַזַאלֶעכֶע צַדִיקִים וָואס קֶענֶען בַּאוַוייזְן נִסִים פּוּנְקְט וִוי אַמָאל, און דָאס וָואס אִיר שְׁרַייט: הַיינְט אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט דָא, און מֶען זֶעהְט שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט?! דָאס קוּמְט וַוייל '**וְאַתֶּם בֵּית יִשְׂרָאֵל לֹא כְלִיתֶם**' אִיר הָאט נִישְׁט דִי '**כֵּלִי**' מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי נִסִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן לד; וְעַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, מִילָה, הֲלָכָה ה, אוֹת ד–ה): דֶער עִיקָר כֵּלִי צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ פוּן אוֹיבְן, אִיז דַוְקָא דוּרְךְ דִי ׳מוֹיל׳ [כָּאטְשִׁיג דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַלֶעס סַיי וִוי], אוּן וָואס מֶער מֶען נוּצְט דִי מוֹיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע אוּן בֶּעסֶערֶע כֵּלִי הָאט מֶען אַז עֶס זָאל אַרַיינְקוּמֶען דִי בְּרָכָה אוּן דִי שֶׁפַע פַארְן מֶענְטְשׁ.

וֶועגְן דֶעם אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וִוי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן [בִּפְרַט אַז מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ ׳נִיגוּן׳ (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן מב)], וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן, מֶען לֶעבְּט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, מֶען גֵייט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיִּקְרָא כו, יב): וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם. זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ״י: אֲטַיֵּל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן כְּאֶחָד מִכֶּם, וְגוֹ׳ – דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט מִיט אוּנְז שְׁפַּאצִירְן, אוּן מִיר וֶועלְן זַיין אַזוֹי וִוי אֵיינְס מִיט אִים. דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן

צוּם בַּאשֶׁעפֶּער וואוּ אוּן וֶוען עֶר גֵייט, דֶעמָאלְס שְׁפַּאצִירְט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער הַנָאָה, אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער לַאכְט אָפּ אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת דֶערְפוּן, אִיז דָאס וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים שְׁוַואךְ, אוּן עֶס אִיז אִין אִים אַרַיינְגֶעפַאלְן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רַחְמָנָא לִצְלָן (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סב; קנה).

ד.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מֶען הָאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה, אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי תּוֹרָה אִיז אֵיין זַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז אַן אֵייבִּיגְקַייט, אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה אוֹיךְ אַן אֵייבִּיגְקַייט, אוּן דוּרְךְ יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט, קְלֶעבְּט מֶען זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען פַארְגֶעסְט גְלַייךְ וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, וַוייל דִי

סְקוּנְדֶע וָואס מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, בִּינְדְט מֶען זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס לֶערְנֶען גֵייט גְלַייךְ אַרוֹיף, אוּן דָאס בְּלַייבְּט שׁוֹין אוֹיף אֵייבִּיג, מְמֵילָא אִיז דָאךְ אַ שָׁאד אוֹיךְ יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען קֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ זָאגְן נָאךְ אַ פָּסוּק חוּמָשׁ, נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא, נָאךְ אַ דַף זֹהַר אוּן תִּקוּנִים, נָאךְ אַ סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים, אוּן אַזוֹי קוּמְט מֶען אָן דוּרְכְצוּגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן יֶעדְן טָאג כַאפְּט מֶען אַרַיין חוּמָשׁ רַשִׁ״י, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, מִדְרָשׁ וְכוּ׳, כָאטְשִׁיג מֶען פַארְגֶעסְט, אַזוֹי ווִי דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן): עֶס אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס זֵיי לֶערְנֶען. אָדֶער מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וַוייל מֶען הָאט שׁוֹין נֶעבֶּעךְ גֶעזִינְדִיגְט, וָואס דֶעמָאלְס קֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶער מֹחַ פַארְשְׁטֵיין גֶעהֶערִיג וָואס מֶען לֶערְנְט, דָאךְ לֶערְנְט מֶען שְׁטֶענְדִיג, וַוייל מֶען גְלֵייבְּט אִין דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן אַז אִין דִי צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט אַ וָוארְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶער לֵיידֶער אִיז הַיינְט דָא אַזוֹי פִּיל בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט, נָאר וַוייל מֶען הָאט אִין זֵיי אַרַיין גֶעלֵייגְט: מֶען מוּז קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן גוּט פַארְשְׁטֵיין, מֶען דַארְף זַיין אַ 'לַמְדָן', אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט, אָדֶער מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מֶען לֶערְנְט אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד. מְמֵילָא לֶערְנְט מֶען נִישְׁט, אוּן עֶס קֶען אַזוֹי אַוֶועק גֵיין אַ טָאג, וָואךְ, חוֹדֶשׁ, יָאר, אוּן מֶען הָאט לֵיידֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט אֲפִילוּ קַיין 'חוּמָשׁ' 'מַעֲבִיר סִדְרָה' צוּ זַיין, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן 'מִשְׁנַיוֹת', מְסַיֵים צוּ זַיין 'שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה', בִּיז עֶס קֶען דוּרְךְ גֵיין דִי גַאנְצֶע זִיבֶּעצִיג - נַיינְצִיג יָאר אוּן קַיין אֵיינְמָאל נִישְׁט מְסַיֵים גֶעוֶוען חֲמִשָׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אוּן שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט אַז אִין אֵיין שֵׁיינֶעם טָאג וֶועלְן מִיר אַלֶע דַארְפְן גֵיין פוּן דָא.

[מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט בַּיי אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בַּיים דַאוֶונֶען צוּ דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמו, ד): **בַּיּוֹם הַהוּא אָבְדוּ עֶשְׁתֹּנֹתָיו**, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַן אָפְּשְׁטֶעל, אוּן גֶענוּמֶען אִיבֶּערְזָאגְן דִי

װערְטֶער ״בַּיּוֹם הַהוּא, בַּיּוֹם הַהוּא״ אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען וַוייטֶער, הָאט אִים אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט וָואס הָאט אִיר זִיךְ אַזוֹי פַארְלִיבְּט אִין דֶעם פָּסוּק?! הָאט עֶר אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: מֶען מַאכְט מִיר אַזוֹי מְשׁוּגָע װעגְן גֶעלְט, אַלֶע פְּלֶענֶער פוּן מַאכְן גֶעלְט, אוּן נָאכְאַמָאל גֶעלְט, הָאבּ אִיךְ מִיר אַרַיינְגֶעקְלֶערְט אִין דֶעם פָּסוּק: ״תֵּצֵא רוּחוֹ״ - וִוי נָאר עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן מִיר דִי אָטֶעם, ״יָשֻׁב לְאַדְמָתוֹ״ - װעט מֶען מִיר אַרַיין לֵייגְן אִין דֶער עֶרְד, אוּן ״בַּיּוֹם הַהוּא אָבְדוּ עֶשְׁתֹּנֹתָיו״ - יֶענֶעם טָאג װעט װערְן אוֹיס פוּן אַלֶע פְּלֶענֶער; מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אַ מַצֵּיבָה אוּן גֶעעֶנְדִיגְט].

װעגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, קֶען עֶר יֶעדְן טָאג אָנְפִילְן אִין יֶעדֶע פְרַייעֶ מִינוּט מִיט אַזוֹיפִיל תּוֹרָה, אוּן אַזוֹיפִיל װערְטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיסְפַארְצֵיילְן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אוּן אַזוֹיפִיל קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, מְמֵילָא װען עֶס װעט קוּמֶען דִי צַייט עֶר װעט אַװעקְגֵיין פוּן דֶער װעלְט, װעט עֶר זַיין אָנְגֶעלָאדֶענְט מִיט שֵׁמוֹת פוּן אַזוֹיפִיל

תּוֹרָה און תְּפִלָּה וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט אַלֶע יָארְן, אוֹיבּ אָבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט שֵׂכֶל, און אָנְגֶעבְּרֶענְגְט דִי טֶעג מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, און מִיט לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען, צוּלִיבּ דִי אַלֶע חָכְמוֹת און לֵיצָנוּת און תֵּירוּצִים, דֶעמָאלְס וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי טָאג עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, וֶועט מֶען אִים טְרָאגְן אָנְגֶעפִילְט מִיט צַייטוּנְגֶען... פוּן אַלֶע יָארְן וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, און מִיר זָאלְן מְקַיֵים זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, און פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן רפ״ז): אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט מֶער וָואס צוּ טוּהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען. און מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן דֶעם קוֹל שׁוֹפָר פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~


בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
718•387•2691
קרן הדפסה היכל הקודש
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק אום טיר
goodpointmediainc@gmail.com